**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/15/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 56.2 מיליאן דאלערדיגע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג אין שטאט קינגסטאן**

***44.6 מיליאן דאלערדיגע וואורטס סטריטברידזש רעהאביליטירונג פראיעקט זיך אנצוהייבן***

***11.6 מיליאן דאלערדיגע ראַונדעבּאָוט פראיעקט צו פארענדיגט ווערן פריער פון סקעדזשול און לויט'ן בודזשעט***

***בילדער צו באקומען [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן 56.2 אין אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג פאר דער שטאט קינגסטאן, וועלכס אנטהאלט דאס אנהויבן א הויפט בריק רעהאביליטירונג פראיעקט און דער פארענדיגונג פון א ראַונדעבּאָוט אינדערינען פון שטאט. א 44.6 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט וואס לאזט זיך אין גאנג וועט רעהאביליטירן דער היסטארישער קינגסטאן-פּאָרט אַוואן סוספענדירטע בריק, אויך באקאנט אלס דער וואורטס סטריט ברידזש, וועלכס איז געווען פארמאכט זינט סעפטעמבער 2020. אין צוגאב איז דער 11.6 מיליאן דאלערדיגע קינגסטאן ראַונדעבּאָוט פראיעקט לעצטנס פארענדיגט געווארן, און וועלכס האט איבערגעבויעט דער דורשנייד-פונקט פון אינטערסטעיט 587 (קאלאנעל טשענדלער דרייוו), סטעיט ראוט 32 (אלבאני עוועניו), און בראדוועי אין שטאט קינגסטאן, אולסטער קאונטי.

"מיר האלטן ווייטער אין איין מאכן אמביציעזע אינוועסטירונגען אין טראנספארטאציע פראיעקט לענגאויס ניו יארק, וועלכע וועלן זיין געבויעט אויף לאנג אנהאלטן, און די צוויי אין קינגסטאן זענען פערפעקטע ביישפילן פון וויאזוי מיר באהעפטן קאמיוניטיס ווירקזאם און מיט זיכערהייט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פראיעקט ביי פראיעקט ציען מיר ניו יארק אויף פארווערטס, און מיר בויען איינע פון די שטערקסטע און צופאסעדיגע טראנספארטאציע נעצן אין דעם לאנד."

דער וואורטס סטריט ברידזש וועט אינגאנצן רעהאביליטירן דער 100-יעריגער אריבערגאנג דורך פארשטערקערן די סטרוקטורעלע סטאביליטעט פון דעם בריק און ווידער אוועקשטעלן א וויכטיגער באהעפט-וועג צווישן שטאט קינגסטאן און דער טאון אָוו עסאפוס אין אולסטער קאונטי. פארבעסערונגען פלאנירט פאר'ן בריק נעמען אריין א נייע בריק דעק, אנוויז רעלסן , סיידוואקס, געלענדערס, און סוספענדיר קעיבלס. דער בריק'ס לאָוד קאפאציטעט וועט געהעכערט ווערן אויף 20 טאן און סיידוואקס וועלן פארברייטערט ווערן צו טרעפן מיט איצטיגע סטאנדארטן. נייע פארב וועט אויך צוגעלייגט ווערן, וועלכס וועט פארמינערן די נויט פון יערליכע מעינטענענס.

די קאמערן, וואו די הויפט קעיבלס ווערן פאראנקערט, וועלן האבן העכסט פארגעשריטענע קלימאט קאנטראל סיסטעמס כדי צו קאנטראלירן פייכטקייט און פארזיכערן אז די אנקערן זאלן נישט

פארזשאווערט ווערן. אין צוגאב וועלן די קאנטראל סיסטעמס זיין אויסגעריכטעט מיט רעמאָוט אויפזיכט און אפעראציע.

דער פאפולערער פוסגייער אריבערגאנג און די דאקס פון אונטער דעם בריק וועלן בלייבן אפן בשעת די קאנסטרוקציע. דער ראוד אונטער׳ן בריק, דאק סטריט, דאק סטריט / וועסט סטרענד סטריט, וועט אויך בלייבן אפן, אבער עקזיסטירנדע פארקינג ערטער וועלן זיין צייטווייליג פארשלאסן. אביעל סטריט אויפ׳ן צפון עק פון בריק וועט ווערן איבערגעבויט, וועלכס וועט פארלאנגען א צייטווייליגע פארשליסונג פון איין לעין. אלע ארבעט איז ערווארטעט פארענדיגט צו ווערן אין פרילינג 2023.

**DOT קאמישענער מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט מאכט ווייטער קריטיש-וויכטיגע אינוועסטירונגען וועלכע וועלן שאפן א מער באפעסטיגטע טראנספארטאציע נעטווארק, פארשטערקערן קאמיוניטיס, און פארבעסערן דעם לעבנס-קוואליטעט. די רעהאביליטירונג פון דעם וואוּרטס סטריט ברידזש וועט צוריק אויפריכטן אן וויכטיגער באהעפטונג פאר אולסטער קאונטי איינוואוינער און רייזע פארער, און אין די זעלבע צייט צוגעבן אעסטעטישע פארבעסערונגען וועלכע וועלן צעמענטירן דעם בריק׳ס סטאטוס אלס א הודסאן וואלי איקאן. אין צוגאב וועט דער נייער ראַונדעבאָוט רעדוצירן געדראנג ביי איינע פון קינגסטאן׳ס וויכטיגסטע אריינגאנגען און העלפן פירן אז מענטשן און סחורה זאל פליסן לענגאויס דעם הודסאן וואלי פאר פילע יארן אין דער צוקונפט."

דער קינגסטאן ראַונדעבאָוט פראיעקט האט טראנספארמירט א פארנומענען דורשכנייד-פונקט אויף א מאדערנעם ראַונדעבאָוט וואס פארשטערקערט זיכערהייט פאר אלע ארומפארער און מער עפעקטיווע טראפיק פליס פאר וויהיקלס ביי איינע פון די שטאט׳ס הויפט אריינגאנגס פונקטן. נייע סיידוואקס, סיגנאלן, און אנדערע פוסגייער פארגינציגונגען זענען אויך צוגעלייגט געווארן.

אלס טייל פון דער פראיעקט איז א כמו-פארק ארט געשאפן געווארן הארט נעבן דעם ראַונדעבאָוט צווישן איסט סט. דזשעימס, בראדוועי, און אלבאני עוועניו. געהויבענע אריבערגאנגען, אפדעיט׳עט סיידוואקס, א געמישטע-באניץ וועגל און פיר-עקיגע שנעל-בליטשקענדע שיינטורעמס זענען אויך אינסטאלירט געווארן צו פארשטערקערן פארגינציגונגען פאר פוסגייער. די שיינטורעמס גיבן א הויך-אנזעהבאר סטראָב סארט באווארענונג פאר דרייווערס ווען פוסגייער ניצן דעם אריבערגאנג.

אין צוגאב איז א שטורעם וואסער באהאנדלונגס סיסטעם געשאפן געווארן אויפ׳ן פלאץ כדי איינצוזאמלען און אויספילטער׳ן אפלויף, וועלכס וועט העלפן באשיצן די ארומיגע אומגעגנט. דער DOT האט קאארדינירט מיט דער שטאט קינגסטאן, קינגסטאן וואסער דעפארטמענט, און דער צענטראל הודסאן גאז ענד עלעקטריק קארפארעישען צו ערזעצן און מאדערניזירן אונטערערדישע אינפראסטרוקטור, אריינגערעכנט סוּער, וואסער,און גאז איינריכטונגען.

א נאמען געגעבן א [DRI רונדע 2 געווינער](#) אין 2017, וועט קינגסטאן׳ס סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן פירן ווידער-אויפלעבונג פראיעקטן וועלכע וועלן פאראויס-פירן די קאמיוניטי׳ס בליק פאר איר דאונטאון געגנט און קענען אויסניצן און פארברייטערן אויף סטעיט׳ס 10 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג. פינאנצירטע פראיעקטן וועלן בויען אויף אנדערע לעצטנסדיגע אינוועסטירונגען אין דעם דאונטאון און ארומיגע אומגעגנט צו שאפן אן אויסהאלטבארע ענווייראנמענט פאר א גאנץ-יעריגע אינאווירנדע און בליענדער עקאנאמיע.

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אוו סטעיט ראזעננע ראסאדא האט געזאגט,** "טראנספארטאציע אינוועסטירונגען זענען העכסט-נויטיג צו קאמיוניטי ווידער-אויפלעבונג. די אינפראסטרוקטור פראיעקטן וועלן פארבעסערן און העלפן פארגרעסערן די ווידער-אויפלעבונג שוין פון פריער אונטערוועגנס דורך קינגסטאן׳ס 10 מיליאן דאלערדיגע DRI אויסטיילונג. די סינערגיסטישע אינוועסטירונגען זענען געבויט

אויף די לעבהאפטקייט פון קינגסטאן און שטיצן די ברייטערע רענעסאנס אין דאונטאון ווידער-אנטוויקלונג לענגאויס ניו יארק סטעיט."

**סענאטארקע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "אלס דער ערשטער סוספענדירטע בריק געבויט צו ווערן אין דעם הודסאן וואלי און די עלטסטע אין דער הודסאן ריווער וואלי ראיאן, איז דער וואוּרטס סטריט ברידזש א וויכטיג טייל פון אונזער ארטיגע היסטאריע וואס האט סערווירט אלס א קריטיש-וויכטיג באהעפטער צווישן קינגסטאן און פאָרט אווען קאמיוניטיס. דער באמיאונג צו ראטעווען דעם וואוּרטס סטריט ברידזש און רעהאביליטירן דעם הערליכן לענדמארק צו איר געוועזענער פראכט וועט העלפן שאפן דזשאבס און אין דער זעלבער צייט ערמעגליכן פאר׳ן בריק פארצוזעצן איר בארעכטיגטע ראלע אלס אן אריינגאנגס פונקט פאר מסחר, פארוויילונג, און קולטור פאר פילע יארן אין דער צוקונפט. דער הודסאן וואלי איז אן אויסערגעוועגליך ספעציעלער ארט וואס ברויך און וואס קומט זיך די שטאפל אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג פון אונזער סטעיט. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול׳ס אנגייענדע שטיצע און זענען באגייסטערט פון די פארשריטן ארויסגעקומען פון אלע ווידער-אויפלעבונגס פראיעקטן איצט אונטערוועגנס."

**אסעמבלי מיטגליד קעווין קעיהיל האט געזאגט,** "אויף דער היסטארישער געלעגנהייט, ארויסקוקנדיג צום צוקונפט, וועט דער אינוועסטירונג וואס דער סטעיט ניו יארק מאכט אין דעם וואוּרטס סטריט ברידזש גאראנטירן אז דער ארכיטעקטורעלע בריליאנט שטיין בלייבט אין פלאץ פאר׳ן טובה פון דער שטאט קינגסטאן און דער טאון אָוו עסאפּוס. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטעישען קאמישענער מארי טערעסע דאמינגעז פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו מאכן דעם פראיעקט א ווירקליכקייט פאר די מענטשן אין מיין דיסטריקט."

**אולסטער קאונטי עקזעקיוטיוו פעט רייען האט געזאגט,** "איך וויל דאנקען גאווערנער האקול און דעפארטמענט אוו טראנספארטעישען פאר אינוועסטירן אין דער רעהאביליטירונג פון איינע פון אולסטער קאונטי׳ס מערסט-אייגנארטיגע און היסטארישע אוצרות. דער באדייטנדע אינוועסטירונג דורך ניו יארק סטעיט אין דער היסטארישער קינגסטאן-פּאָרט אווען סוספענדירטע בריק וועט צוריק אויפעפענען א וויכטיגע קאנעקטאר און אויג-פארכאפנדע אייגנשאפט פאר אולסטער קאונטי קאמיוניטיס."

**שטאט קינגסטאן מעיאר סטיוו נאובל האט געזאגט,** "דער וואוּרטס סטריט ברידזש איז א וויכטיגע שטיקל היסטאריע, אן איקאנישער און באליבטער לענדמארק אין דער שטאט קינגסטאן און אויפ׳ן ראַונדאַוּט קריעק. מיר קוקן ארויס צו דער בריק׳ס פרערזערווירונג, אזוי ווי די איינוואוינער פון קינגסטאן זענען דאנקבאר צו קענען גיין, בייק׳ען, און זיך באהעפטן צו אונזערע שכנים אין פּאָרט אווען. איך וויל דאנקען אסעמבלימאן קעיהיל פאר זיין הילף אין שאפן די פינאנצירונג פאר דער הויפט בריק רענאוואציע פראיעקט. איך וויל אויך דאנקען NYS DOT און זייערע קאנטראקטארס פאר זייערע אויסגעצייכנטע ארבעט אויפ׳ן ראַונדעבּאָוט, וועלכס גיבט א הערליכע נייע אריינגאנגס פונקט צו אונזער שטאט און אין דער זעלבער צייט רעדוצירט געדראנג און גרינהויז גאז ארויסלאז. גאווערנער האקול האט געוויזן איר אנטשלאסנקייט צו זעהן אז אינפראסטרוקטור ארבעט זאל געטוהן ווערן דא אין שטאט קינגסטאן און איך וויל באדאנקען איר און דער סטעיט פאר׳ן שטיצן אונזערע אנגייענדע באמיאונגען אויפצוריכטן און ווידער-אויפלעבן אונזער נויטיגע אינפראסטרוקטור."

**טאון אָוו עסאפּוס סופערווייזער דזשערעד געס האט געזאגט,** "די מענטשן פון עסאפּוס האבן אן עול אראפ פון קאפ אז לאנג-טערמיניגע אינפראסטרוקטור פאָנדינג איז ענדליך צו באקומען פאר פאררייכטונגען צו דעם קינגסטאן-פּאָרט אווען סוספענדירטע בריק. דער בריק גיבט קריטיש-וויכטיגע אינפראסטרוקטור פאר עמערדזשענסי פערסאנאל, און סערווירט קאָמיוּטערס אויף ביידע זייטן פון דער ראַונדאַוּט קריעק וואס ניצן עס טאג-טעגליך צו קענען פארדינען און זיך אויסהאלטן. איר צייטווייליגע פארשליסונג האט פאראורזאכט א פארלוסט פון באהעפטיגונג, באקוועמליכקייט, און קאמיוניטי

לעבהאפטקייט. מיר זענען גאר שטארק צופרידן אז דער אלטער סוספענדירטע בריק, וועלכס איז געווען א קוואל פון ציווילע שטאלצקייט אין אונזער אומגעגנט, וועט ווערן צוריק אויפגעראכטן צו איר ארגינעלער פראכט."

NYSDOT גיבט נאך אינפארמאציע אנליין איבער ראַונדעבּאָוטס, ווי אויך דאונלאד׳בארע בראָשורן, ביי https://www.dot.ny.gov/main/roundabouts. אן אנווייז ווידעאו אויף וויאזוי צו נאוויגירן ראַונדעבּאָוטס מיט זיכערהייט איז צו געפונען דא.

מאטאריסטן ווערן דערמוטיגט צו פארן שטייטליכער און דרייוו׳ען מיט פאראנטווארטליכקייט אין ארבעט זאונס. שטראף-אפצאל איז געדאפלט פאר ספיד פארלעצונגען אין אן ארבעט זאון. געפונען ווערן שולדיג פאר צוויי אדער מער ספיד פארלעצונגען אין אן ארבעט זאון קען גורם זיין דאס סוספענדירן פון א מענטש׳ס דרייווער לייסענס.
פאר אפּ-טו-דעיט רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511ny.org, אדער דאונלאד׳ט דער בחנם׳דיגער NY511 מאביל עפּ.

פאלגט נאך ניו יארק סטעיט DOT אויף טוויטער: @NYSDOT און @NYSDOTBuffalo. באזוכט NYSDOT אויף פעיסבוק ביי facebook.com/NYSDOT

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418